# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## אִידְן זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאְרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

דִי פְּרוֹי הַאלְט אַ זֶעקְל מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס לִיגְט אִין דִי זֶעקְל, עֶפֶּעס אַ סוֹד הַאלְט זִי דָארְט, זִי גֵייט שְׁטִילֶערְהֵייט צוּ צוּם בְּלָאזוּבֶער רָב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה אוּן זִי פְרֶעגְט אִים עֶפֶּעס שְׁטִילֶערְהֵייט, דֶער נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין רֶעוָואלְוֶוער אוּן פְרֶעגְט דֶעם רָב: ״זָאגְט מִיר שׁוֹין יֶעצְט וָואס פַאר אַ סוֹדוֹת עֶנְק רֶעדְן דָא, אַז נִישְׁט וֶועל אִיךְ עֶנְק שִׁיסְן״.

דֶער רָב עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם רָשָׁע אַז דִי פְּרוֹי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ מֶעסֶער, ״אַ מֶעסֶער? וָואס דַארְף זִי אַ מֶעסֶער ?!״ דֶער נַאצִי נֶעמְט אַרוֹיס זַיין מֶעסֶער אוּן גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְּרוֹי, דֶער נַאצִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי פְּרוֹי וִויל טוּן מִיט דִי מֶעסֶער, זִיכֶער וִויל זִי זִיךְ אַלֵיינְס שֶׁעדִיגְן, אָבֶּער קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט? וֶוער וֵוייסְט וָואס לִיגְט אִין דִי זֶעקְל אוּן וֶוער וֵוייסְט פַארְוָואס דִי פְּרוֹי וִויל אַ מֶעסֶער?

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִין דִי צַייטְן פוּן דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען דִי דֵייטְשֶׁע רוֹצְחִים הָאבְּן אוֹיסְגֶע׳הַרְגְ׳עֶט אַלֶע אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה. אַ פְּרוֹי הָאט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד אִין לַאגֶער, אַ זִיסֶע לִיכְטִיגֶע אִינְגֶעלֶע בֶּעבִּי, דִי פְּרוֹי הָאט בַּאהַאלְטְן דִי קִינְד אִין אַ זֶעקְל אַז דִי נַאצִיס זָאלְן אִים נִישְׁט זֶען, אוּן וֶוען דִי פְּרוֹי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען גֵייט אִיר שׁוֹין כִּמְעַט הַרְגְ׳עֶנֶען מִיט אִיר זִיסֶע לִיכְטִיגֶע אִינְגְל בֶּעבִּי, הָאט

זִי זַייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מַאכְן אַ בְּרִית פַארְן קִינְד, און דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אַ מֶעסֶער פוּנֶעם רָב, זִי הָאט גֶעוָואלְט אִיר קִינְד זָאל זַיין גֶע'מַל'עְט אֵיידֶער עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט.

וֶוען דֶער נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ הָאט גֶעגֶעבְּן דִי מֶעסֶער פַאר דִי פְּרוֹי הָאט דִי פְּרוֹי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, גֶעעֶפְנְט דִי זֶעקְל און גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי: "בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְווֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַכְנִיסוֹ בִּבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", און גֶע מַאכְט דִי בְּרִית, און וֶוען דֶער נַאצִי הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט עֶר גֶעשׁוֹימְט פַאר כַּעַס, עֶר הָאט שִׁיעוּר נִישְׁט פַארְלוֹירְן זַיין אָטֶעם; דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, אַז דֶער אִיד אִיז אַזַא עַקְשָׁן, דֶער אִיד אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי אֱמוּנָה, עֶר דִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

עֶר הָאט גֶעכַאפְּט זַיין רֶעוָואלְוֶוער און זֵיי בֵּיידֶע גֶעשָׁאסְן צוּם טוֹיט, דִי מַאמֶע מִיט אִיר נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְד, און זַייעֶר נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל צוּם הֶעכְסְטְן פְּלַאץ, בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד, מִיט אַלֶע זֶעקְס מִילְיָאן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער וִוי אִיז דָא נָאךְ אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ וִוי אַ אִיד וָואס ווִיל גָארְנִישְׁט, דֶער אִיד אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. לָאמִיר אַלֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "חַנּוּן הַבִּיטָה מִמְּרוֹמִים", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּק אַרָאפּ פוּן הִימְל און זֶע – "תִּשְׁפֹּכֶת דַּם הַצַּדִּיקִים" דָאס פַארְגָאסֶענֶע בְּלוּט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "וְתַמְצִית דָמִים", און וִוי מֶען קְוֶועטְשְׁט אוּנְז אוֹיס אוּנְזֶער בְּלוּט, "תִּרְאֶה בְּפַרְגּוֹדָךְ וְהַעֲבֵר כְּתָמִים, אֵל מֶלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים".



**נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:

א"י: 07970-400-66

ארה"ב: 1-5-2-1 ,212-444-9191